IX/188



## דער װאנדער־װעג פון נעמענטשין דורך סמארגאן, אשמענע, רודישאק קײן װילנע

דער דערצײלער איז הרב יעקב נאמדײנש, געבארן אין סמארגאן, געלערנט אין ראמײלעס ישיבה אין װילנע. זײט דעם יאר 1929־1939 פארבראכט אין ראדון אין דער ישיבה פון „חפץ חײם". בעתן אויסברוך פון דער מלחמה אװעק אין קריג. נעמט אנטײל אין דער פארטײדיקונג פון לעמבערג קעגן דײטש, קומט דאן צוריק קײן סמארגאן, לאזט זיך אין װילנע און לערנט װײטער. די ישיבה, אין װעלכער ער לערנט באזעצט זיך דאן אין אוטיאן און אזוי פארבראכט ער ביזן אויסברוך פון דער דײטש־סאװעטישער קריג.

א װאך פאר דער קריג האבן די באלשעװיקעס ארויסגעפירט פון דער ישיבה 60 מאן. אונדזער דערצײלער אנטלויפט דאן און קומט אן קײן נעמענטשין.

זײן אויסזען: אויסערלעך א הונדערט פראצענטיקער אריער. דערבײ געבױט שײן, הויך און ברײט. די הענט שװערע, אויסגעפראצעװעטע און געזונטע. דער געזיכט א שמײכלדיקער און אן אפן פנים. אלץ, װאס ער דערצײלט גיט ער איבער מיט פרײלעכקײט און איראניע.

### נעמענטשין.

שבת פאר ראש־השנה 1942. באלד אינדערפרי איז געקומען א פאראָרדנונג, אז אלע ײדן זאלן זיך זאמלען אין שול, מכלומרשט מען פירט אין געטא. א סך פון שטעטל האבן זיך געכאפט צום לויפן, זײ האבן זיך אבער ארומגעזען, אז דאס גאנצע שטעטל איז ארומגעשטעלט מיט ליטװינער און דאס אנטלויפן איז אן אײנשטעלעניש. אלע זײנען דעריבער אװעק אין בית־המדרש.

### דער בית־המדרש.

דאס שטעטל האט געצײלט בײ 600־700 ײדן, צװישן װעלכע 100 זײנען געװען פליטים, דערין 60 ישיבה־לײט פון מעזיריטש און 3 ראש־ישיבות. אין בית־המדרש זײנען אלע ארײן מיט גרויס געפעק און דארט אזוי געזעסן ביז 8 פרי. עס באװײזן זיך דאן 2 דײטשן און בארואיקן דעם עולם דערמיט, אז מען פירט אין געטא. אײנער פון זײ גײט ארויף אויף דער בימה און פאראָרדנט, אז גאלד, געלט, זילבער א.אנדערע זאלן איבערגעגעבן װערן די ליטװינער בײם ארויסגאנג פון

בית-המדרש. זיי פאראָרדנען אויך לאָזן די פּעק און נעמען מיט
זיך נאָר קליינע פּעקלעך. אויף וויפל דער עולם איז געווען צע-
שראָקן דערציילן די פאָלגנדיקע בילדלעך:

אין בית-המדרש האט איינער פארלאנגט מען זאל זאגן ווידוי,
ווייל דער בית-המדרש ווערט אונטערגעצונדן. דאס רוב זאגן
אבינו מלכינו. איינער אן ארטיקער ייד אברהם-יצחק בעזשאנסקי
זאגט צו זיין 52 יאריקן זון: „ביז איצט האב איך דיר געהאָ-
דעוועט, איצטער גיב איך דיר איבער אין די הענט פון רבונו
של עולם“.

ביים ארויסגאנג פון בית-המדרש האבן די דייטשן און ליטווי-
נער דורכגעפירט א שטרענגע און ברוטאלע רעוויזיע, באזונדער
צווישן מענער און באזונדער צווישן פרויען. געווען פאלן, ווען
מען האט אויסגעהאקט די ציין, ווייל זיי זיינען געווען פון...
גאלד.

אזוי האט עס געדויערט ביז 10 פרי. אלע, וואס זיינען ארויס
פון בית-המדרש האבן זיך געמוזט אויסלייגן אויף דער ערד
און אזוי איז די גרופע אפּגעלעגן ארומגערינגלט פון ליט-
ווישע פאליציסטן.

<u>דער מארש צו דער שחיטה.</u>

אלע ווערן דאן אויסגעשטעלט אין רייען, צו 3 פערזאן אין
א ריי. אויפן וועג ווערט פארווערט צו ריידן צווישן זיך. די,
וואס שטייען אפּ ווערן דערשלאגן אויפן ארט. דאס רוב זיינען
אזוי ארום געפאלן קרבנות קינדער און זקנים. נאך אן ערך
2 מיט א האלבע קילאמעטער פון שטאט ווערט די גרופע פארקי-
רעוועט אויף רעכטס אין א וועלדל, פון וואס עס ווערט שוין
אנטגילטיק קלאר, אז דער וועג פירט ניט אין געטא.

<u>דאס שיסעריי.</u>

א א מאסע מענטשן באשליסן ביי זיך לויפן. אבער קיינער וואגט
ניט זיך מיילן וועגן זיינע אייגענע געדאנקען. אן ערך 200 מע-
טער אפּגייענדיק אן א זייט האבן די פאדערשטע רייען אנגעהויבן
שרייען: „עס זיינען אונדזערע קברים“. דאס האט געווירקט ווי
אן אויפרוף: א מוטער נעמט אראפּ די שיך פון איר 21 יאר.
זון גרשון נעמענטשינסקי, כדי ער זאל שנעלער קענען אנט-
לויפן. א שוועסטער לאזט ניט לויפן איר ברודער, ווייל אויב
אומקומען וויל זי צוזאמען מיט אים.

<u>צום לויפן.</u>

דער ערשטער, וואס ווארפט זיך צום לויפן איז מאקע דער

21־יאריקער נעמענטשינסקי. ער לויפט אויף רעכטס, מען שיסט אים נאך, ער פאלט, שטעלט זיך ווידער אויף די פיס און לויפט ווײטער.

דער דערצײלער לויפט נאך אים און ערשט דאן ווארפט זיך צום לויפן א גרויסע מאסע. אין ערך מיט א צוויי טעג שפעטער האט ער זיך געטראפן מיט א מאן 40 פון צווישן די אנטלאפענע. דער ערשטער, נעמענטשינסקי, איז געווען אין ווילנע, געארבעט אויף דער באן און דא צופעליק ארונטערגעפאלן אונטער א צוג און געשטארבן אין ווילנער געטא.

<u>סף־הכלען.</u>

פון די אין ערך 700 מענטשן האבן זיך געראטעוועט בײ 100 פערזאן. די רעשט דארף מען רעכענען פאר אומגעקומען. לויפנדיק אזוי האט זיך א גאנצן טאג געהערט שיסן. די אנט־לויפנדיקע האבן זיך באהאלטן אין וועלדער, צווישן דער תבואה אויף פעלדער, בײ פויערים. אלע אבער זײנען געלאפן אין דער ריכטונג צו ווײסרוסלאנד, ווײל די מורא פאר ליטע און די שחיטות פון דער ליטווישער געגנט זײנען שוין פאר אלעמען געווען קלאר. אונדזער דערצײלער קומט אן קײן ביסטריץ. פון דא ווײטער ~~און אזוי~~ ווײטער ביז קײן סמארגאן.

<u>סמארגאן און דאס "ידישע דארף „קרקע".</u>

בעת די דײטשן זײנען ארײן אין סמארגאן האט דאס שטעטל געצײלט 1636 ידן. די דײטשן זײנען דא ארײן דעם 26 יוני. אבער ווי נאר זײ זײנען ארײן האבן געוויסע עלעמענטן אונטער־געצונדן א ד״י ידישע הײזער מיט דער כוונה צו רויבן. שפעטער, בעת דער אויספארשונג האבן זײ צי גאנצע שולד געווארפן אויף די ידן אלײן. די דײטשן האבן צוליב דעם דערשאסן 40 ידן.

<u>2 געטאס.</u>

אין סעפטעמבער 1941 ווערט דא געשאפן 2 געטאס, אײנע אונ־טער דער שטאט אין דער א.ג. קרקע, א ידיש דארף, וואס ליגט א קילאמעטער פון שטאט. די צווײטע - אין שטאט גופא, אין קווארטאל פון בית־המדרש און בית־עלמין. רעגירט איבער די בײדע געטאס האט די פוילישע פאליצײ, וועלכע פלעגט די ארטי־קע ידן מערדערלעך שלאגן. שפעטער איז אנגעקומען א ווײסרו־סישע פאליצײ, וועלכע האט שוין אבער נים געשלאגן.

הינטער ארום פסח איז סמארגאן אריבער צו ליטע. ביז יע־נער צײט האט סמארגאן געמוזט ליפערן דעם געביטס־קאמיסאר

פון אלט־װײליקע, אלץ װאס עס האט זיך זײ פארגלוסט. די „באשטעלונגען", װעלכע זײ פלעגן דא מאכן זײנען באשטאנען אמאל פון געלט, אמאל גאלד אדער זילבער, א צװײטן מאל מאנופאקטור, לעדער, מאלעט־זײף א.דגל. אזעלכע באשטע־לונגען זײנען דא אויסגעפירט געװארן 14. די שטאט האט געװאוסט, אז דאס איז אזא מין קאנטריבוציע און מען האט עס טאקע געצאלט שװײגנדיק.

ליקװידאציע פון דער געטא אין קרקע.

שנים צײט 1942 װערט ליקװידירט די געטא אין קרקע. אלע ײדן פון דארף גײען אריבער אין סמארגאן. די סמארגאנער געטא װערט פארגרעסערט. עס דױערט אזױ א חודש און שפע־טער װערן א סך פון די ארטיקע געטא־אײנװאױנער פונאנ־דערגעשיקט אין לאגערן. אזױ, למשל, זײנען ארױסגעשיקט געװארן אין לאגערן בײ 290 פערזאן, פון זײ 170 אין זעז־מער, 120 אין רודישקי, די װײטערדיקע װערן פונאנדערגע־שיקט קײן אלקעניק און אראן. די געטא װערט פארצױמט און אין סמארגאן פארבלײבט אזױ־ארום 1300 מענטשן.

ליקװידאציע פון סמארגאנער געטא.

חשון װערט ליקװידירט די סמארגאנער געטא. אלע װערן אי־בערגעפירט אין אשמענע, א טײל אין מאל. אין שטאט פאר־בלײבט נאר 150 ײדן, װי ארבעטער פון אן ארטיקן לאגער.

פון אשמענע קײן רודישעק.

אשמענע איז א געמיש פון צענױפגעשלעפטע ײדן פון אלשא־נער, קרעװער און א טײל סמארגאנער. אשמענע װערט א גרױסע געטא. טײלן פון קרעװער, אלשאנער און די 170 פון סמארגא־נער געטא װערן פון דא אריבערגעפירט אין די לאגערן פון זעזמער. דער דערצײלער װערט אפטראנספארטירט אין לאגער קײן רודישאק.

רודישאק.

אין רודישאק איז שױן קײן ײדן נישטאראן. װען אונדזער דערצײלער קומט דארט אן געפינט זיך סך־הכל 40 ײדן. די אמאליקע אײנגעזעסענע משפחות האט מען צװישן ראש־השנה און יום־כפור 1941 ארױסגעפירט קײן טראק.

צװײ ײדישע דערפער – לײפון און זשיראװניע.

פאר דער צײט, װאס אונדזער דערצײלער האט דא פארבראכט

5

(צען װאָכן ביז סוכות) האָט ער אין צװישנצײַט באַזוכט 2 "דײַשע דערפער" - לײפּון און זשידאָװניע. פון דאָ װײס ער צו דערצײלן, אז פונעם דאָרף „זשידאָװניע" זײַנען סוכות-צײַט צונויפגענומען געװאָרן אַלע ײדן און מען האָט זײ אָפּ-געפירט אין אלקעניק. נאָך סוכות האָט מען דאָ די אָרטיקע, די פון זשידאָװניע און אײשישאָק געפטרט. זשידאָװניע איז באַזעצט געװאָרן דורך ליטװינער. פאַר דער זעלבער צײַט איז אויך געפטרט געװאָרן דאָס דאָרף לײפּון.

<u>סוף.</u>

אין רודישאָק אַרבעט אונדזער דערצײלער 10 װאָכן. פון דאָ פאָרט ער אַפּ קײן קענע. אין קענע אַרבעט ער נאָך אַלץ בײ „טאָד" 6 װאָכן. פון דאָ אַנטלויפט ער און קומט קײן װילנע אין דעצעמבער 1942.

אויפגענומען אין
יאַנואַר 1943.

Forma I

Abonento Nr.........................

........................................................................ Viešajai Valstybinei Bibliotekai

# PAREIŠKIMAS

Pasižadėdamas laikytis bibliotekos taisyklių ir tvarkos, prašau leisti man naudotis bibliotekos knygomis ir duoti skaitytojo kortelę

Pavardė..............................................................................................

Vardas ir tėvo vardas ...............................................................

Amžius ...............................................................................................

Tautybė..............................................................................................

Verslas ...............................................................................................

Adresas...............................................................................................

Pasas Nr..................... duotas.............................. 19........m................................mėn.............d.

Knygos grąžinimui garantuoti patiekiu ...........................................................................

..........................................................................................................................................

Jei knygą pražudyčiau, sudraskyčiau ar sutepčiau, pasižadu josios vertę apmokėti.

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4673

Parašas

19........m................................mėn.............d.

Sp. 1658